הלימוד היומי בספרי חסידות

אין אידיש

גליון שבועי לגילוי אור הנשמה ע"פ משנת הבעש"ט הק' ותלמידיו

פרשת משפטים תשפ"ה / גליון קכ"ה

לשבוע הבעל"ט
ספה"ק **מאור עינים** (ויצא)

| יום | מד"ה |
|---|---|
| ראשון | ועל כן קודם צאתו |
| שני | פרשת וישלח |
| שלישי | ויום תשעה באב הוא |
| רביעי | וזהו מה שכתוב ויאבק |
| חמישי | ועל ידי שליטתו ומלחמתו עד סוף הפרשה |

איינצושרייבן צו באקומען דעם חודש'ליכן קונטרס
ביי אייך אינדערהיים, רופט 848-243-1624

0722 531 385

מערכת "קול דודי"
א וועלט פון ליכטיגע חסיד'ישע שמועסן
אין אמעריקע
605.313.6695
אין אייראפע
033.0551.7811
לתשומת לבכם!
א שינוי אין טעלעפאן ליין
היכל המרכזי איז אריבער צו נומער 1
טעגליכע שיעורים > 2 | וועכנטליך > 3

## חסיד'יש גערעדט

### א חסידי'שע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# טויט צום יצר

## דו ביסט דאך גרייט צו שטארבן פארן אויבערשטן, נו, פארוואס זאלסטו נישט זיין גרייט צו לעבן פארן אויבערשטן?

פארהאן זאכן אין אידישקייט וואס מען דארף נישט זייך קיין 'בעל מדרגה' דאס צו האבן, מען דארף נישט קריכן צו הויך אנצוקומען דערצו, נאר דאס קומט צוזאמען מיט יעדן געווענליכן איד וועלכער איז אויפגעוואקסן מיט אמונה און ערליכקייט. אפילו טאמער ער איז נישט געווען דער בעסטער אין כיתה, נאר אפשר דער שוואכסטער - האט ער דאס נישט געקענט פארפאסן.

איינע פון די גרויסע זאכן וועלכע פאלן אריין אין דער קאטאגאריע איז דער ענין פון 'מסירת נפש' אויף אידישקייט.

עס איז קיין פראגע נישט, אז יעדער וועלכער ליינט יעצט די דאזיגע שורות איז גרייט אויף דער שריט - טאמער וועט עס אויספעלן, אויב וועט ער אמאל שטיין פאר א שייד-וועג צווישן רעדן אמונה און גע'הרג'עט ווערן, אדער רעדן כפירה רח"ל און בלייבן לעבן - וועט ער אודאי נעמען דעם וועג פון מוותר זיין אויפן לעבן, אבי צו בלייבן א 'מאמין'. עס וועט אפילו נישט זיין אזא גרויסער נסיון, ווייל ביי אונז אלע איז א לעבן אן קיין אמונה - קיין לעבן נישט.

דאס מיינט נאכנישט אז דו ביסט דער גרויסער 'עובד', ניין, אין עבודת ה' האסטו נאך אסאך צו גיין און גיין, אבער דעם כח פון מסירות נפש אויף אמונה האסטו שוין אין דיר זינט דו געדענקסט זיך און וועט בלייבן ביי דיר אויף אייביג.

נו, אויב האסטו שוין אזא שטארקן כח - האסטו שוין פון וואו אנצוהייבן...

## גרייטקייט צו שטארבן - הרג'עט דעם יצר הרע

יעדער פון אונז האט צומאל שווערע מינוטן ווען ער דארף זיך פארמעסטן מיט ביטערע נסיונות. טאמער איז ער א מענטש וועלכער איז פון נאטור אויס א 'קאך לעפל', ער האט ליב צו מישן א טאפ, טראגן און ברענגען פון רעכל צו מעכל - איז נישטא קיין שווערערע זאך פאר אים, ווי זיך פארמאכן דאס מויל בשעת ווען א הייסע לשון הרע שטייט שוין אויפן שפיץ צונג ארויסצוקומען... טאמער איז ער א מענטש וועלכער פארמעסט זיך פון נאטור אויס מיט עגאאיסטישקייט, וועלכע פירט צו מזלזל זיין אין אנדערע אידישע נשמות אדער אפילו אויב עס פירט נישט צו עפעס אנדערש - איז עס א פראבלעם פאר זיך, ברענגענדיג א ריחוק פון אויבערשטן - איז נישטא קיין שווערערע זאך פאר אים, ווי טראכטן א מחשבה איבער 'שפלות עצמו'.

ווער רעדט נאך, טאמער דער מענטש פארמעסט זיך מיט א ברענענדיגע תאוה, וועלכע איז נאך אפילו 'מותר' - ווי שווער איז דעמאלט צו צוברעכן די דאזיגע תאוה. עס איז דאך נישט קעגן שולחן ערוך, נו, פארוואס זאל ער זיך אנשטרענגען?... עס איז זייער שווער.

אבער, ווי שווער עס זאל נאר נישט זיין, שווערער פון שטארבן איז עס נישט...

און אזוי זאגט רבינו הקדוש זי"ע (דברי אמונה השלם) - ווערטער וועלכע זענען געווען זיין אייגענע ערפארונג, אין דער בחינה פון 'הוא היה אומר':
**"מְבֹאָר בְּסֵפֶר 'לִקּוּטֵי אֲמָרִים תַּנְיָא' שֶׁעַל יְדֵי קַבָּלַת מְסִירַת נֶפֶשׁ יָכוֹל הָאָדָם לַעֲמֹד בְּכָל הַנִּסְיוֹנוֹת, עַל יְדֵי שֶׁיִּתְבּוֹנֵן שֶׁאִם חַס וְחָלִילָה הָיָה בָּא לְפָנָיו נִסָּיוֹן שֶׁל עֲבוֹדָה זָרָה, בְּוַדַּאי הָיָה מוֹסֵר נַפְשׁוֹ בִּשְׁבִיל כְּבוֹד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לְבַל יִפָּרֵד מִמֶּנּוּ יִתְבָּרַךְ חַס וְחָלִילָה, וְכָל שֶׁכֵּן בִּשְׁבִירַת הַתַּאֲוָה הַקַּלָּה מִיִּסּוּרֵי מִיתָה שֶׁקָּרוֹב אֵלָיו הַדָּבָר יוֹתֵר לִכְבֹּשׁ הַיֵּצֶר וְכוּ', מֵאַחַר שֶׁנִּפְרַד בָּהּ מִיִּחוּדוֹ וְאַחְדוּתוֹ כְּמוֹ בַּעֲבוֹדָה זָרָה מַמָּשׁ. עַיֵּן שָׁם בַּאֲרֻכָּה"**. פון דעם פאקט וואס דו ביסט גרייט צו שטארבן כדי נישט אויפצוגעבן אויפן קשר מיטן אויבערשטן - קענסטו זיין זיכער, אז דו ביסט אויך גרייט דורכצוברעכן די דאזיגע שוועריקייט פון זיך איינהאלטן פון א לשון הרע, זיך האלטן קלענער, צוברעכן די תאוה וכדומה. ווייל דו ביסט איינער וועלכער איז גרייט צו טון אלעס אין דער וועלט, אבי צו בלייבן צוגעבינדן צום אויבערשטן.

מיט דעם איז דער רבי מסביר דעם פסוק: "וכי יזיד איש על רעהו להרגו בערמה מעם מזבחי תקחנו למות" (כא, יד). דער 'איש' וועלכער איז 'יזיד על רעהו', איז דער יצר הרע וועלכער וויל אונז הרג'ענען מיט זיין כיטרישקייט. און דורכן 'מזבח' - מסירת נפש, הרג'ענען מיר דעם יצר הרע. ווען מיר זענען מקבל אויף זיך צו שטארבן פארן אויבערשטן - שטארבט דער יצר און דער 'חומר'! און דעמאלט בלייבט בלויז איבער די לעבעדיגע נשמה וועלכע שיינט מיט א געוואלדיגע ליכטיגקייט.

## מינוטן פון נשמה

די שאלה איז נאר: פארוואס זענען מיר אלע גרייט גע'הרג'עט צו ווערן - אבי נישט צו ווערן אפגעריסן פונעם רבונו של עולם, און ווען עס קומט צו אביסל א שווערע נסיון מוטשען מיר זיך אזוי שטארק?

דער תירוץ איז: מיר כאפן זיך נישט, אז נישט בלויז מיט כפירה ווערט מען אפגעריסן פון אויבערשטן, נאר אויך מיט א קליינע עבירה'לע. אזוי אויך, מיר מאכן נישט דעם פשוט'ן חשבון, אז אויב זענען מיר גרייט צו שטארבן כדי נישט צו ווערן אפגעריסן פונעם אויבערשטן, זענען מיר דאך אודאי גרייט זיך אנצושטרענגען אביסל, כדי צו זיין דבוק אין אים אביסל מער - וואס דאס געשעט דורך יעדע קליינע מצוה'לע. (עיין שם ב'תניא' פרקים י"ח - כ"ה).

> **דאס לערנען און אריינטראכטן אין די סארט ספרים, ברענגט דעם מענטשן צו נעמען אט די באהאלטענע נקודה וואס צוליב איר איז ער גרייט זיך מוסר נפש צו זיין**

נו, וואס טוט מען אז מיר זאלן יא אנהייבן צו כאפן וואס דא טוט זיך?

פארהאן דערצו זייער א לייכטע און געשמאקע עצה: לערנען חסיד'ישע ספרים! ווייל זיי פרעגלען אריין אין אונזער הארץ, אז יעדע מצוה איז א שטיק דביקות! יעדע עבירה שאפט א 'הסתרה'! יעדע אידישע נשמה איז 'חד' מיט 'קוב"ה'! דאס לערנען און אריינטראכטן אין די סארט ספרים, ברענגט דעם מענטשן צו נעמען אט די באהאלטענע נקודה וואס צוליב איר איז ער גרייט זיך מוסר נפש צו זיין - דאס איז די נשמה וועלכע איז א 'חלק אלוק ממעל' - און עס איבערגעבן קאנטראל אויף זיין גאנצן לעבן.

און אויב האבן מיר נאכנישט זוכה געווען צו דער מדרגה פון באלעבן די נשמה א גאנצן טאג, דארפן מיר נישט צוליב דעם זיך אנטזאגן פון צו לעבן דערמיט אמאל אמאל פאר עטליכע מינוט. ווייל אפילו בלויז א פאר מינוט 'נשמה' איז ווערד אלע געלטער, און צום סוף וועט דאס באלייכטן דעם גאנצן טאג מיטן אור פון נשמה.

הפצת הגליון בק"ק וויען נתנדב ע"י

חלק מהוצאות הגליון
נדבת ידידנו הנכבד
הרה"ח ר' **ישראל היילפערין** שליט"א
לרגל הולדת בתו למזל טוב
בזכות מרן הבעש"ט הק' זי"ע ירווה ממנה רוב נחת דקדושה

# לערנען חסיד'ישע ספרים

**פארוואס איז אוממעגליך צו לעבן ווי א איד אן לערנען חסיד'ישע ספרים? • וואס איז דער עיקר מטרה וואס מ'דארף זיך קלאר מאכן פארן אנהייבן לערנען?**

**משפיע:** א גוטן, אברהם יצחק. וואס הערט זיך?

**אברהם יצחק:** געלויבט דעם אויבערשטן.

**משפיע:** נו, וואס גייען מיר היינט רעדן? האסט עפעס א שאלה?

**אברהם יצחק:** ס'איז דא עפעס וואס כ'האב פונלאנג געוואלט רעדן אבער ס'איז מיר נישט אויסגעקומען; די נושא פון לערנען חסיד'ישע ספרים. וואס מיינט דאס? וואספארא ספר דארף מען לערנען? ס'איז מיר ממש נישט קלאר.

**משפיע:** פאר כ'הייב דיר אן ענטפערן דערויף, לאמיר דיר פרעגן: לערנסט א חסיד'ישער ספר?

**אברהם יצחק:** פון מאל צו מאל.

**משפיע:** אויב כ'מעג, וועלכער ספר?

**אברהם יצחק:** כ'האב נישט קיין כלל. כ'האב פרובירט אפאר ספרים, אמאל דאס און אמאל יענץ... ס'איז געווען א תקופה ווען כ'האב געלערנט 'מאור ושמש', שפעטער 'שם משמואל' אדער 'ישמח ישראל', יעדעס מאל עפעס אנדערש.

> **דער מציאות איז אז חסיד'ישע אידן וואס לערנען ספרי חסידות מיט א קביעות און ערנסטקייט קומען אן דערצו! ס'איז א מציאות! קוק ווי ס'קוקט אויס...**

**משפיע:** און, האסט געזען א תועלת דערפון?

**אברהם יצחק:** יא, אבער נישט עפעס מורא'דיג... כ'בין זיכער אז זיי האבן געמיינט עפעס טיפער ווי דאס...

**משפיע:** אקעי, אבער אויב דו האסט שוין אמאל געלערנט א שטיקל חסיד'יש ספר, ווייל איך פארט הערן, אפשר קענסטו זאגן וואספארא תועלת דו האסט געזען דערפון?

**אברהם יצחק:** עה, דער אמת איז אז כ'הייב נישט אן געדענקען... בשעת מעשה האב איך געזען א התעוררות, כ'האב דעמאלטס הנאה געהאט דערפון, כ'האב אויך מער-ווייניגער פארשטאנען וואס ס'שטייט דארט... אבער ווען דו פרעגסט מיר יעצט, זעה איך נישט קיין ספעציעלע סיבה פארוואס צו גיין לערנען חסיד'ישע ספרים...

## א קלארע מטרה

**משפיע:** אויב אזוי, לאמיר דיר צוערשט אויסקלארן אז די ערשטע זאך ביים לערנען חסידות, און אייגנטליך יעדעס מאל מ'לערנט עפעס, איז צו זיין קלאר וואס דו צילעוועסט מיטן לערנען! ווילאנג דו האסט נישט קיין קלארע ציל, ווייסט אליינס באמת נישט וואס דער תכלית פונעם לערנען איז, וועסטו נישט קענען שפירן קיין אמת'ע תועלת, און אפילו די תועלת וואס האסט געהאט בשעת מעשה וועט צוגיין נאך א קורצע צייט, ווייל די גאנצע סיבה פארוואס מ'האט געלערנט איז געווען צוליב א צייטווייליגע התעוררות וואס וועפט זיך אויס נאך א קורצע צייט.

**אברהם יצחק:** פון וואו זאל איך וויסן וואס דער תכלית און ציל איז?

**משפיע:** א גוטע שאלה, מ'דארף עס טאקע קלאר מאכן. וואס איז דער תכלית פון לערנען חסידות? אויב מ'וויל אז דאס לערנען זאל ברענגען די ריכטיגע תועלת, מוז מען זיין קלאר מיט די נקודה.

**אברהם יצחק:** איין מינוט, אבער איין זאך איז קלאר: כדי צו זיין א חסיד'ישער בחור מוז מען לערנען חסיד'ישע ספרים?

**משפיע:** אויסדריקליך יא! יעדער דארף לערנען חסיד'ישע ספרים! לאמיר דיר זאגן נאך מער; מ'דארף לערנען ספרי חסידות נישט נאר כדי צו זיין א חסיד'ישער בחור, נאר אויב מ'וויל בכלל פירן א אידישע לעבן מוז מען לערנען ספרי חסידות!

**אברהם יצחק:** ממש אזוי, פארוואס? מ'מוז לערנען צו זיין א איד?

**משפיע:** כדי דאס צו פארשטיין דארף מען בכלל וויסן וואס חסידות איז. וואס האט חסידות מחדש געווען?

**אברהם יצחק:** אוהו, דאס איז שוין א שווערע שאלה. כ'שטעל זיך פאר אז מ'קען עס נישט ענטפערן אויף איין פוס...

**משפיע:** ביסט גערעכט. ס'איז טאקע א לאנגע, טיפע ענטפער און וואס מער וועסט וואקסן און מער לערנען, וועסטו באקומען א בעסערע דערהערע וואס חסידות מיינט. אבער נאך אלץ דארפסטו וויסן וואס איז שייך און וואס איז די ציל ביים לערנען חסידות פאר איינער אין דיין דרגה און עלטער, ווייל אזוי וועט דאס לערנען דיר ברענגען די ריכטיגע תועלת צו כאפן די זאך אזוויו מ'דארף.

**אברהם יצחק:** נו, לאמיר טאקע הערן עפעס א קלארע נקודה וואס איז מיר נוגע.

**משפיע:** כ'מיין אז די נקודה וואס איז שייך פאר דיר איז; דרך החסידות איז געקומען אויפפלאמען דאס הארץ צום אויבערשטן צו זיך פארבונדן מיט די פנימיות פון תורה און מצוות, אז זיי זאלן אלע קומען פון א הכרה אין די הייליגע נשמה וואס יעדער איד האט, און א קלארע הכרה אין מציאות ה' און אז ער כל יכול ואין בלתו, און ווי ער וויל און ווארט אויף די תורה און מצוות פון יעדער איד.

**אברהם יצחק:** אוהו, דער משפיע האט דא געזאגט א גאנצע שיעור אין חסידות... כ'האב געמיינט אז מ'גייט דא זאגן איין נקודה...

**משפיע:** אין אמת'ן איז עס איין נקודה, אז די תכלית איז אויפצופלאמען דאס הארץ צום אויבערשטן! און כאטש דרך החסידות איז אסאך ברייטער און טיפער, אבער ווי כ'האב פריער געזאגט, כ'מיין אז דאס איז דיר גענוג אלס א התחלה. כאפן אז די דרך החסידות קומט אונז אויסלערנען וויאזוי אויפצופלאמען דאס הארץ צו השי"ת ביי יעדע מצוה, יעדע דאווענען, יעדע תנועה. נאר כדי אנצוקומען דערצו דארף מען כאפן גדלות ה', די קדושה פון א אידישע נשמה און ווי באליבט יעדער איד איז ביים אויבערשטן - און אזוי זאל דאס הארץ און אלע גלידער ווערן אויפגעפלאמט צו מקיים זיין תורה און מצוות.

**אברהם יצחק:** פארוואס איז דאס אזוי וויכטיג? וואס איז שלעכט צו מקיים זיין תורה און מצוות אן אזא התלהבות?

**משפיע:** אין אנדערע ווערטער, פרעגסט פארוואס פעלט אויס די דרך החסידות? מ'קען דינען דעם אויבערשטן אן דעם!

**אברהם יצחק:** אין הכי נמי, דאס איז טאקע די שאלה.

**משפיע:** דער ענטפער דערויף איז די מצוות פון אהבה, יראה און דביקות אין אויבערשטן! מיר זענען נישט אנגעזאגט נאר צו לערנען און דאווענען און מקיים זיין מצוות כדי צו יוצא זיין און זיין 'מסודר' מיט אונזער שכר, נאר מיר זענען באפוילן אויפצופלאמען אונזער הארץ צום אויבערשטן! השי"ת האט אונז באפוילן אז מיר זאלן אנצינדן אונזער הארץ מיט אן א שיעור אהבה צום אויבערשטן, אונזער הארץ זאל ציטערן פון פחד ה', אונזער גאנצע הארץ און נפש זאלן זיין פארכאפט אין תשוקה צום אויבערשטן. דאס אלעס איז א מצות עשה! און נישט נאר דאס, נאר ווי מבואר אין זוהר הק' אז די מצוות פון אהבה יראה און דביקות זענען די שרשים פון כל התורה כולו, זיי זענען די עיקר תכלית פון גאנץ עבודת ה'!

אויב אזוי איז פשוט אז יעדער דארף טון אלעס וואס ער קען כדי אנצוקומען דערצו. און אויף דעם איז געקומען די דרך החסידות וואס געבט אונז די כלים אנצוקומען דערצו. חסידות לערנט אונז וויאזוי אויפצופלאמען דאס הארץ צו יעדע מצוה, צו אהבת און יראת ה', וויאזוי צוזאמצובינדן דעם גאנצן מענטש צו דביקות און תשוקה צום אויבערשטן. נו, איז דאך פשוט אז דערפאר דארף מען לערנען ספרי חסידות, ווייל אן דעם איז נישט שייך אנצוקומען דערצו.

**אברהם יצחק:** מורא'דיג. דער משפיע האט געזאגט אז די תועלת דערפון איז נאר ווען די ציל און תכלית איז קלאר, און לויט דעם אז די תכלית איז 'התלהבות', מיינט דאס אז דאס לערנען חסידות דארף ברענגען התלהבות.

**משפיע:** זייער שיין.

**אברהם יצחק:** אבער ס'איז אזוי זיכער אז ווען מ'לערנט ספרי חסידות כדי אנצוקומען צו דעם ציל, וועט מיר טאקע אנקומען דערצו?

## א קביעות'דיגע צייט און ספר

**משפיע:** מיטן אויבערשטנ'ס הילף. אבער מ'דארף קלארמאכן אז די ריכטיגע תועלת קומט נאר דורכ'ן עס לערנען מיט א קביעות; סיי א קביעות'דיגע צייט יעדן טאג אדער כאטש צוויי מאל א וואך צו לערנען חסידות, און סיי א קביעות'דיגער ספר, דאס מיינט, נישט יעדעס מאל כאפן אן אנדער ספר, נאר אויסקלויבן איינס צי צוויי וואס מ'גייט גוט דורכלערנען.

**אברהם יצחק:** יעצט איבערטראכטנדיג וואס דער משפיע האט געזאגט, אז די ציל איז אז דאס לערנען זאל ברענגען התלהבות, איז דאס נישט אביסל א חידוש? דאס איז אלעס וואס חסידות האט מחדש געווען? וואס איז מיט גארטל, מקוה, א טיש, נוסח התפילה און נאך אסאך זאכן וואס איז שווער אויסצורעכענען?

**משפיע:** קוק, צוערשט האסטו אנגעכאפט בעיקר 'הנהגות' און חיצוניות'דיגע ענינים, וואס איז זיכער אז

דאס איז נישט דער עיקר. ס'איז אפשר פרטים וואס קומען ארויס פון חסידות, אפשר תוצאות פון פארשידענע יסודות אין עבודת ה' אדער הכנות צו דעם. אבער אין דעם ביסטו גערעכט אז ס'איז נאך דא אסאך אנדערע יסודות אין חסידות, און כ'בין דיר דא נישט געקומען אויסזאגן גאנץ דרך החסידות אויף איין פוס, ווייל מיר ווילן יעצט איין זאך: זיך אויסלערנען וויאזוי מ'לערנט ספרי חסידות און פארשטיין די מטרה און תכלית דערפון, און אויף דעם איז גענוג די נקודה וואס מ'האט דערמאנט.

כדי ריכטיג ארויסצוהאבן וואס מיינט חסידות דארף מען גיין שטאפל-נאך-שטאפל, און מ'קען נישט נתעלה ווערן אן לערנען חסידות, און מ'קען נישט לערנען אן כאטש טיילווייז וויסן די ציל. דעריבער האב איך דיר געזאגט איין נקודה וואס איז שייך פאר יעדן, אויך אין דיין יארגאנג און דרגה: נעמליך, די חלק פון התלהבות אין עבודת ה'. ווען דו וועסט פארשטיין אז מ'דארף אנקומען דערצו און וועסט צוגיין צום לימוד מיט א ווילן אנצוקומען דערצו, וועט דאס לערנען זיכער האבן א גוטע השפעה אויף דיר, פארשטייט זיך, מיטן אויבערשטנ'ס הילף.

**אברהם יצחק:** אבער כ'וויל פארשטיין, וויאזוי ברענגט לערנען ספרי חסידות א התלהבות? לאמיר זאגן אז כ'לערן א שטיקל חסיד'יש ספר אויפן פרשה השבוע, כ'לערן אפאר קשיות און דיוקים אויפן פסוק, דערנאך א תירוץ מיט א גימטריא אדער א רמז, און אזוי וועל איך אנקומען צו התלהבות?!

**משפיע:** פרעגסט צו די זאך, אבער דיין פראגע ווייזט אז דו ביסט נאך אינדרויסן! ס'איז א שאלה וואס מ'פרעגט נאר ווילאנג מ'איז נאכנישט גוט מחובר צום לערנען. דער מציאות איז אז חסיד'ישע אידן וואס לערנען ספרי חסידות מיט א קביעות און ערנסטקייט קומען אן דערצו! ס'איז א מציאות! קוק ווי ס'קוקט אויס זייער דאווענען נאכדעם, זייערע מצוות, זייער גאנצע לעבנ'ס שטייגער איז מיט א דערהויבנקייט, דאס אלעס קומט אלס תוצאה פון אן אמת'ע התחברות צו ספרי תלמידי בעש"ט הק'.

**דאס איז די תוצאה פון לערנען חסידות.** אפילו אויב כ'וועל דיר נישט מסביר זיין וויאזוי לערנען די קשיא און תירוץ און רמז אין די פסוק ברענגט דאס, דארפסטו וויסן אז דאס איז די מציאות. און אויסער דעם, מיר האבן שוין גערעדט אז סייווי קומט נישט קיין תועלת פון לערנען איין שטיקל אזוי דרך אגב'דיג, נאר מיטן לערנען קביעות'דיג און ערנסט געלערנט, און די מציאות איז אז ווען מ'לערנט בקביעות א מאמר אין סיי וועלכער ספר חסידות, טרעפט מען זיך כסדר מיט מאמרים וואס רעדן קלאר וויפיל מ'דארף זיך מתלהב זיין אין עבודת ה', וואס רעדן פון גדלות ה' און זיין מציאות אין יעדע תנועה, און וויפיל אור וקדושה ס'איז דא אין יעדע מצוה און ווארט תורה און תפילה, און ווען מ'לערנט אזעלכע מאמרים פאר גענוג לאנג, איז אוממעגליך אז ס'זאל נישט ברענגען א התעוררות און נישט אונטערצינדן א התלהבות און תשוקה צום אויבערשטן.

**אברהם יצחק:** הייסט אז די עיקר תועלת פאר מיר איז די שטיקלעך אין ספר וואס רעדן בפירוש אויף התלהבות, אהבה און יראה.

**משפיע:** גערעכט, אבער דאס איז נאר אין אנהייב. אין אמת'ן אריין, איז נאך דא אסאך תועלת פון לערנען ספרי חסידות, וואס די תועלת באקומט מען פון ממש יעדע שטיקל. אבער דאס איז נאר נאכדעם וואס מ'האט זיך צוגעוואוינט צום לימוד, צו די סארט שפראך פון דעם ספר און מ'באקומט א פיל ברייטערע ידיעה איבער די דרך עבודה וואס דער ספר וויל אויסלערנען, און דער עיקר, מ'באקומט אזא חיבור פנימי מיטן הייליגן מחבר, און דעמאלטס איז מען מקבל די 'אור' וואס ליגט אונטער יעדע דיבור, וואס דאס איז א מורא'דיגע אור וואס פלאמט אויף און איז מורא'דיג מקדש דעם מענטש, אבער ווי געזאגט, דאס קומט נאר נאכן זיך איינגעוואוינען און זיך מחבר זיין צום ספר און די לימוד.

דעריבער האב איך דיר קודם געברענגט די אנהייב - צוערשט דארף מען באשטימען א סדר לימוד, און עס לערנען מיט אן ערנסטקייט און א רצון אנצוקומען צום ציל פון התלהבות, אהבה און יראה. ס'איז קלאר אז אזא לערנען וועט דיר שטאטליך פאראויס ברענגען צו דרכי חסידות. פאר א התחלה אז גענוג דאס וואס מיר האבן גערעדט ביז יעצט, כאטש ס'איז נאך דא אזויפיל מער צו רעדן דערוועגן.

**אברהם יצחק:** און וועלכער ספר איז מיר דער משפיע מציע אנצוהייבן?

**משפיע:** אויף דעם וועלן מיר רעדן אן אנדערע מאל, בעזרת ה'.

**אברהם יצחק:** א גרויסן יישר כח!

## פונקען / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט ז"ע

**כ'האב מקבל געווען אז דער בעש"ט הק' האט צוגעלייגט צוויי עיקרים צו די י"ג. אז יעדע געשעעניש אין די וועלט איז צוליב די אידן. און אז אין יעדן דור איז דא צדיקים אזויווי די שלשה אבות און שבעה רועים.**

הרה"ק ר' שמעון מזעליחוב זי"ע (שיחתן של עברי אבות, מערכת הבעש"ט)



# אן אנדערע סארט רבי'סטעווע

די לחיים גלעזעלעך ליידיגן זיך אויס איינס נאכן צווייטן, ווערן צוריק אנגעפילט, און ווידער אויסגעליידיגט.

די חבורה חסידים זיצן ארום דעם טיש און פארברענגען מיט גרויס ליבשאפט און קירבה. "לאמיר זינגען דעם נייעם ניגון וואס דער רבי האט פארפאסט", האט איינער פון די חסידים פארגעשלאגן אנצוהייבן דעם ניגון 'קול דודי דופק' וואס זייער רבי, דער הייליגער בעל התניא זי"ע האט מחבר געווען.

"קו---ל דודי, ד---ודי דופק, דו-די דו-פק", האט ארויסגעריסן די הייליגע ליד פון די טיפענישן פון די חסידים'ס הערצער, "פ-תחי ל---י אחותי רעייתי, יו---נתי תמת-י", רוישן די געגועים און פלאמען אויף יעדן'ס הארץ. דא פארנעמט די נשמה דעם אויבן-אן.

לייבן זענען דארט געזעצן. עלטערע חסידים מיט א הדרת פנים, בעלי השגה און בעלי מדריגה, צווישן זיי, דער באקאנטער חסיד רבי שמואל מונקעס זצ"ל.

די חסידים האבן געהאט א כלל אז ביי א התוועדות דארף מען 'משקה' און אויך 'פארבייסן'. ווייל טרינקען משקה אליינס געהערט פאר זייערע גוי'אישע רוסישע שכנים, נישט פאר חסידי עליון. למעשה, צוויי פלעשער בראנפן האט זיך שוין אויסגעליידיגט בשעת די פארבייסן איז נאכנישט דא.

ענדע איז די פארבייסן אנגעקומען אין פארעם פון א גרויסע טאץ מיט פאררויכערטע פלייש. די ווארעמע טאץ איז געשטעלט געווארן אויפן טיש, אבער ר' שמואל האט עס גלייך צוכאפט און געלייגט נעבן זיך. ער האט געצייגט מיט זיין האנט אז קיינער זאל נישט נעמען דערפון.

די חסידים זיצן ווייטער צוזאמען בשעת די פלייש הייבט אן ווערן קאלט. 'פארוואס לאזט ער נישט דעם עולם נעמען אביסל פארבייסן?' האבן זיך טייל חסידים געוואונדערט צו זיך, נישט קענענדיג משיג זיין ר' שמואל'ס הנהגה.

דער ציבור פארברענגט נאך א שטיק צייט ביז זייער האלז איז געווארן אויסגעטרוקנט. א צאל חסידים באשליסן ארויסצורייסן דאס טעצל פון ר' שמואל'ס האנט, און זיך כאפן א שטיקל מאכל. ר' שמואל, זעענדיג אז די יונגע פאר הענט זענען שטערקער ווי זיינס, כאפט אן דאס טעצל און שליידערט עס אויף די ערד. די פלייש האט זיך אויסגעמישט מיט די בלאטע און שמוציגע וואסער, און די גאנצע טעם איז פארגאנגען.

קיינער האט מער נישט געטראכט פון 'פארבייסן'. די חסידים האבן זיך צוריקגעזעצט צום התוועדות און ווייטער פארברענגט, נאך אלץ נישט פארשטייענדיג וואס ר' שמואל האט דא אנגעדרייט.

"וויי איז מיר!", האט די באלעבאסטע אריינגעריסן אין צימער מיט א הילכיגע געשריי. זי קלאפט אויפן קאפ פון פארדרוס: "כ'האב אייך מכשיל געווען מיט טריפה'נע פלייש! די טאץ פלייש וואס מ'האט דא קורצליך אריינגעברענגט א געווען א טריפה'נע טאץ. וויי איז מיר אויף דעם וואס איך האב מכשיל געווען די חסידים מיט מאכלות אסורות!", קייכט זי מיט טרערן.

"וויין נישט", האבן איר די חסידים בארואיגט, "קיינער האט דא נישט צוגערירט צו די פלייש, די שטיקלעך ליגן דא אויסגעמישט מיט בלאטע אויף די ערד", צייגן זיי אויף די איבערגעקערטע טעצל.

די חסידים זענען ערשטוינט געווארן צו אנטדעקן אז זיי זענען געווארן געראטעוועט פון טריפה'נע פלייש, אבער אנשטאט קוקן אויף ר' שמואל מיט גרויס שעצונג און הכרת הטוב פארן זיי ראטעווען, האט מען אים גאר באטראכט מיט פארדאכט.

"אה, שמואל?" האט זיך איינער פון די עלטערע חסידים געוואנדן צו אים מיט א שטרענגן טאן, "מאכסט מיר דא רבי'סטעוועס? רוח הקודש? אויב האסטו רוח הקודש, פארוואס עפנסטו נישט קיין אייגענע 'הויף'? א נייער רבי איז אונז דא אונטערגעוואקסן...?"

ביי חסידים האט מען מורא'דיג שטארק מקפיד געווען אויף 'התפארות'. איינער וועמען מ'האט געכאפט זיך פירן מיט 'ברייטקייט' איז גלייך געווארן פארדעכטיגט אז ער ליידט פון די טמא'נע מידת הגאוה.

די חסידים האבן אפגעמאכט: מ'גייט געבן פערציג מלקות פאר ר' שמואל. איינער האט ארויסגענומען א פאסיק, צוויי האבן אנגעכאפט ר' שמואל ביי זיינע ארעמס און מ'האט אים אנידערגעלייגט אויפן טיש.

ר' שמואל האט זיך נישט קעגנגעשטעלט: "איר קענט מיר געבן מלקות, אבער נישט פאר איר לאזט מיר מסביר זיין וואס דא איז געשען. אויב גיי איך נאך אלץ ארויס 'חייב', וועל איך אננעמען די מלקות באהבה".

ער באקומט ערלויבעניש. "ס'איז נישט געווען דא קיין רוח הקודש און נישט קיין רבי'סטעווע, נאר א אידישע געפיל", האט דער גרויסער, געווייקטער חסיד מסביר געווען, זייענדיג מגלה א דרגה פון 'זיכוך הנפש' צו וואס א מענטש קען צוקומען, "דאס ערשטע מאל וואס כ'בין אריין אויף 'יחידות' צום רבי'ן, האב איך מקבל געווען אויף זיך אז יעדע זאך וואס כ'וועל שפירן א שטארקע חשק עס צו טון - וועל איך זיך מתגבר זיין און זיך צווינגען צו טון דאס פארקערטע".

"ווען ס'איז אנגעקומען די פלייש האב איך געשפירט א שרעקליכע משיכה צו נעמען א שטיקל, און אויך האב איך געזען אז דער עולם האט גרויס חשק צו עסן דערפון. גלייך האב איך פארשטאנען אז די משיכה קומט נישט פון צד הקדושה, דעריבער האב איך עס אייך נישט געלאזט עסן. און יעצט, קענט איר באשליסן אויב ס'קומט מיר צו כאפן מלקות דערפאר...".

מקור: דורשי יחודך

# תשובה פארן לערנען, וויאזוי?

## תורה און תשובה קען חלילה גיין צו די סט"א, אבער וויאזוי טוט מען תשובה? אויף וואס טוט מען תשובה?

## שאלה:

אין די פריערדיגע גליונות האט מען ברייט ערקלערט די וויכטיגקייט פון תשובה טון פארן לערנען, און די גרויסע תועלת דערפון. אבער דאכט זיך אז ס'איז נישט געווארן ערקלערט **וויאזוי** מ'טוט תשובה.

אין אנדערע ווערטער: וואספארא פשט האט עס צו 'מהרהר בתשובה' זיין א מינוט פארן לערנען. ממה נפשך, אויב כ'האב אן עבירה אויף וואס כ'האב נאכנישט תשובה געטון, וואלט איך דאך לכאורה געדארפט זיך מתוודה זיין דערויף און עס מתקן זיין. און אויב כ'האב מערערע עבירות, דארף מען ווידוי און תיקון אויף אלע עבירות. אויב אזוי, וואס העלפט מיר צו האבן א 'כללות'דיגע הרהור תשובה'? און אויב כ'בין א צדיק גמור וואס איז ריין פון עבירות, דארף איך דאך סתם אזוי נישט תשובה טון...?

פון די אנדערע זייט, ס'וועט קיינעם נישט בייפאלן אז מ'דארף זיך יעצט זעצן און תשובה טון פאר לענגערע שעות אויף מיינע אלע עבירות, און אויך דעמאלטס כולי האי ואולי דעקן א משהו פון מיינע עבירות. ווייל אויב יא, קען מען פארמאכן די גמרא, כ'וועל קיינמאל נישט אנקומען צום לערנען. אזוי אז מיין שאלה איז זייער קלאר: וויאזוי דארף די תשובה אויסקוקן?

## תשובה:

### 'תשובה כללית' און 'תשובה פרטית'

דער אמת איז אז ס'איז דא צוויי סארט 'תשובה': **ס'איז דא 'תשובה כללית' און 'תשובה פרטית'.** ווען א מענטש ווערט נכשל מיט אן עבירה ח"ו, דארף מען מאכן תשובה פרטית דערויף, זיך מתוודה זיין און מפרט זיין דעם חטא וואס מ'האט געטון, חרטה האבן דערויף און בעטן מחילה פון אויבערשטן אויף די עבירה. מצד שני, איז אויך דא תשובה כללית, אזויווי מיר דאווענען ביי שמונה עשרה "סלח לנו אבינו כי חטאנו", און מיר זענען נישט מפרט קיין עבירות (און ס'איז אויך דא א מיטעלע דרגה, די ווידוי פון 'אשמנו', וואס איז א 'תשובה פרטית באופן כללי', ווייל פון איין זייט רעכנט מען אויס פרטים פון עבירות, אבער פון די אנדערע זייט, איז עס באופן כללי ווייל מ'גייט נישט אריין אין אלע פרטים).

מיר טרעפן דעם חילוק צווישן תשובה פרטית און כללית אויך אין **בית המקדש**, דער כהן גדול האט זיך מתוודה געווען א ווידוי כללי אן מפרט זיין די פרטים פון די עוונות, אבער דערנאך בשעת די השתחויה האט זיך יעדער מתוודה געווען אויף די פרטים פון זיינע עבירות (אזויווי ס'שטייט, אז דערפאר איז געווען 'משתחוים רווחים', כדי נישט צו הערן ווי דער דערנעבנדער מענטש איז זיך מתוודה).

דעריבער, תשובה כללית פארן לערנען, איז נישט קיין נייע דערהער. ווייל תשובה כללית איז אן עבודה אין וואס מיר דארפן סייווי עוסק זיין (אזויווי מיר גייען באלד מסביר זיין פארוואס, בעז"ה). און ס'איז טאקע זיכער, אז ווען א מענטש ווייסט פון א געוויסע חטא וואס ער האט געטון, למשל ער האט גערעדט לשון הרע אויף אן אנדערער איד ח"ו, אדער גייענדיג אין גאס האט ער געקוקט א ראיה אסורה ח"ו, דארף ער אוודאי אויך מאכן תשובה פרטית דערויף פארן לערנען, זיך מתוודה זיין און חרטה האבן און מאכן א קבלה על העתיד.

אזוי אויך ווען דער אויבערשטער דערמאנט אים אן אלטע עבירה וואס ער האט אמאל געטון (און מ'האט אפילו תשובה געטון דערויף), איז אויך דא א מקום צו מאכן תשובה פרטית דערויף, ווייל ס'איז אייביג דא א טיפערע מדריגה פון תשובה (ווי שפעטער ערקלערט). אזוי אויך איז דא א מקום פאר תשובה פרטית אויף פגם הברית, ווי מבואר אין 'בני יששכר', אז דער עיקר סתימת הלב ביים לערנען קומט פון דעם פגם. אבער נאך תשובה פרטית אויף די עבירות, דארף מען מאכן תשובה כללית, אזויווי ביי שמונה עשרה.

### א העכערע דרגה? מער תשובה

**וואס מיינט 'תשובה כללית'? פארוואס דארף א מענטש בעטן דריי מאל א טאג "סלח לנו" אפגעזען אויב ער האט אנגעיאגט צו טון אן עבירה אינצווישן?** שתי תשובות בדבר.

די **ערשטע תשובה** איז, אז וואס מער א מענטש דערנענטערט זיך צום אויבערשטן, דארף ער זיך אלץ מער אומקערן און זיך מזדכך זיין פון זיינע עבירות. למשל א מורד במלכות וואס האט חרטה געהאט אויף זיין מעשה, און מ'האט אים געלאזט אריינקומען אין לאנד פונעם קעניג, אבער נישט אינעם הויפט-שטאט פון קעניג. ווען ער וויל אריינקומען אין שטאט, דארף ער נאך מער חרטה האבן אויף וואס ער האט געטון. דערנאך ווען ער וויל אריינגיין צום פאלאץ פון קעניג, דארף ער זיך נאך מער איבערבעטן. שוין אפגערעדט ווען ער וויל אריינגיין אין צימער פון קעניג אליינס, דארף ער נאך א גרעסערע חרטה. ווייל אין די מדינה פון קעניג דערקענט זיך נאכנישט אזוי שטארק זיין פגם, אבער ווען ער וויל אריינגיין אין היכל המלך, טוט זיך שטארק שפירן אז ער איז אמאל געווען א מורד אין קעניג. דאס הייסט אז וואס מער א מענטש ווערט נענטער צום אויבערשטן, דארף ער זיך מער מזדכך זיין און תשובה טון.

מיר טרעפן אז דוד המלך האט חרטה געהאט און תשובה געטון הונדערטער מאל אויף איין איינציגע פגם, אזוי אויך איז באקאנט אז ביי יעדע יומא דהילולא פון א צדיק איז מען אים פון פריש דן אין הימל. פארוואס, ער איז דאך שוין ארויס זכאי בדין? פשט איז אז ווען מ'דארף ארויפגיין נאך א דרגה למעלה, וויבאלד דארט איז די קדושה מער דקות'דיג, דעריבער, א חטא וואס האט ביז יעצט נישט געהייסן קיין פגם הייסט דארט יא א פגם. אזויווי רב סעדיה גאון האט געזאגט, אז יעדן טאג טוט ער תשובה פונדאסניי, ווייל ער איז מער מכיר גדלות ה', און יעצט כאפט ער ווי גרויס דער פגם איז, וואס אויף אזא גרויסער פגם האט ער נאכנישט תשובה געטון.

און דאס איז די מהות פון תשובה כללית, וואס כאטש דער מענטש האט שוין תשובה געטון בפרטות אויף זיינע עבירות, אבער יעדעס מאל ער ווערט נענטער צום אויבערשטן דארף ער תשובה טון פונדאסניי. **דעריבער פאדערט זיך א גרעסערע תשובה כללית פארן לערנען**, ווייל פאר מ'גייט מער נתקרב ווערן צום אויבערשטן דורכ'ן לערנען, דארף מען נאכאמאל תשובה טון.

### תשובה אויף די נאכאנאנדיגע עבירות

**נאך א סיבה צו תשובה כללית:**

וויבאלד א מענטש איז א נברא און א בעל חומר, דעריבער אפילו ווען ער געבט זיך ריכטיג אכטונג נישט צו נכשל ווערן, קען ער כסדר טון פארשידענע עבירות אזויווי ביטול תורה, אבק לשון הרע, הרהורי עבירה אא"וו. חז"ל זענען מסביר אז דערפאר האט השי"ת מתקן געווען קרבנות תמיד, א תמיד של שחר צו מכפר זיין אויף די חטאי הלילה, און א תמיד של בין הערבים צו מכפר זיין אויף די חטאי היום. ווייל א מענטש מצד זיין עצם זיין אויף די וועלט איז כסדר מסוגל צו זינדיגן, און השי"ת, צוליב זיין אהבה צו כלל ישראל, האט זיי מתקן געווען קרבנות וואס זאלן זיי כסדר מתקן זיין.

און אזויווי אין צייט פון בית המקדש איז געווען קרבנות תמיד, אזוי אויך בזמנינו "תפילות כנגד תמידין תיקנום", און דורכדעם וואס מיר בעטן 'סלח לנו' אפאר מאל אין טאג, ווערט אונז נמחל די כסדר'דיגע עבירות מיט וואס מיר ווערן נכשל צוליב אונזער זיין טבעית'דיגע נבראים.

דער 'תניא' איז מבאר אז דאס איז פשט פון "חנון המרבה לסלוח", אז השי"ת האט נישט קיין גבול וויפיל ער פארגעבט. מיר האבן טאקע נאכאנאנדיגע עבירות, אבער דעם אויבערשטנ'ס סליחה איז אויך נאכאנאנד.

און אזוי איז אויך די תשובה כללית פארן לערנען.

### דאס הייסט געלערנט!

מ'קען צולייגן דערויף, אז תשובה איז נישט נאר 'מכשיר' דאס לערנען (ווי מבואר אין די פריערדיגע וואכן), נאר ס'פארוואנדלט דאס לערנען אלס א חלק פון די תשובה אליינס. ווי דער 'תניא' איז מדייק דעם מאמר חז"ל "תכלית חכמה תשובה ומעשים טובים", אז די ריכטיגע וועג פון תורה ומצוות איז ווען ס'איז מתוך תשובה.

ווען איך גיי צו צום לערנען נאך תשובה, איז דאס ווייל איך וויל זיך צוריקקערן און נתקרב ווערן צו השי"ת. ווייל פארן לערנען האב איך געשפירט אז כ'האב עבירות וואס זענען א סתירה צו קירבת ה', היות יעדע חטא איז א מסך המבדיל, דעריבער האב איך תשובה געטון און באשלאסן אז כ'וויל נישט זיין אין דעם פלאץ פון די עבירה, כ'וויל דאך געהערן צום אויבערשטן! דעריבער האב איך געבעטן השי"ת מיר צו דערנענטערן צו אים. און וואס טוה איך כדי זיך צו דערנענטערן? כ'הייב אן לערנען! ס'הייסט אז די גאנצע תורה ווערט געלערנט כדי צו נתקרב ווערן צום אויבערשטן. דאס איז די שענסטע לימוד וואס קען זיין, ווען ס'ווערט געלערנט מיט תשובה און רצון זיך צו אומקערן צום אויבערשטן!

### 'זועלן' תשובה טון הייסט אויך תשובה

**ס'איז וויכטיג צו צולייגן:**

צומאל שפירט א מענטש אז ער האט זיך נישט באמת אומגעקערט, די עבירה טוט אים נישט באמת וויי, ער שפירט נישט אז זיין ריחוק פון השי"ת שטערט אים. לכאורה איז דאס א מצב ווי דער מענטש זאגט אז ער איז נישט מסוגל צו תשובה טון.

אבער די עצה דערצו איז, אז אפילו אויב דו קענסט נישט תשובה טון, זאלסטו בעטן פון השי"ת צו זוכה זיין דערצו, און אז די "מאור שבתורה יחזירנו למוטב". ווייל מ'דארף וויסן א גרויסע כלל, אז אויך דאס בעטן אויף תשובה גייט אריין אין כלל פון תשובה, און ווען א מענטש בעט "השיבנו אבינו לתורתך והחזירנו בתשובה לפניך", טוט ער דאן בעצם תשובה, פארוואס? ווייל דערביי זאגט ער אז ער איז נישט מסכים צו די עבירה. געוויס שפירט ער עס נאכנישט גענוג שטארק אז ער זאל אליינס חוזר זיין און חרטה האבן דערויף, אבער די עצם זאך אז ער בעט דעם אויבערשטן אים צו העלפן תשובה טון און חרטה האבן, זאגט אז אייגנטליך האט ער יא חרטה. ווייל א גוי בעט נישט אז מ'זאל אים העלפן תשובה טון... ס'איז אים גוט אזוי.

אין אמת'ן אריין איז עס א הבטחה אז "המאור שבה יחזירנו למוטב", און דאס לערנען אליינס ברענגט א ריכטיגע תשובה.

### גלייבן אין די תשובה

יעצט, נאכן תשובה טון, זאלסטו גלייבן און וויסן אז השי"ת האט דיר מוחל געווען. די סליחה ווערט וואס שטערקער נמשך דורך די אמונה דערין, און ווי די באקאנטע ווערטער פון בעל התניא, אז איינער וואס זאגט "סלח לנו... בא"י חנון המרבה לסלוח" און ער גלייבט נישט אז דער אויבערשטער האט אים יעצט מוחל געווען, אדער ער האט א ספק דערין, איז א שאלה פון א ברכה לבטלה, און ספק ברכות להקל (נאר חז"ל האבן עס אזוי קובע געווען ווייל זיי האבן טאקע געוואוסט אויף זיכער אז ווי נאר א איד בעט, איז דער אויבערשטער אים תיכף מוחל). און דער חידושי הרי"ם זי"ע האט מסביר געווען פארוואס מ'זאגט "סלח לנו" מוצאי יום הקדוש, אויף דאס אליינס אז מ'גלייבט נישט גענוג אין די סליחה. דעריבער, נאכן תשובה טון זאלסטו גלייבן און זיך פרייען אז דו ביסט ריין פארן אויבערשטן און קענסט נתקרב ווערן צו אים, דורך לימוד התורה און קיום המצוות מיט תשוקה און אהבה.

מיט הצלחה און סייעתא דשמיא!

אידישער הערצער ווארטן אויף אביסל ליכטיגקייט אין עבודת השי"ת, אבער מ'ווארט אויף אייער שותפות
צו מנדב זיין א מאמר/אפטיילונג, אדער הפצה ביי אייך אין ביהמ"ד, אזוי אויך אויף אלע פרטים איבערן גליון
רופט אין מאנסי: 347.452.3118 אין וויליאמסבורג: 347.768.3577 אין בארא פארק: 347.520.8743
אימעיל DD0722531385@gmail.com | תורם צו זיין אויטאמאטיש: 347-428-6483